# דערשאָסענע דעם 12טן אויגוסט 1952
# Exécutés le 12 août 1952

**דוד בערגעלסאָן (1952-1884)**, ייִדישער שרײַבער, אַן אַקטיווער טוער אינעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט (יאַ״ק) און אַ מיט־רעדאַקטאָר פֿון דער ליטעראַרישער סעקציע פֿון איינקײַט.

**Dovid Bergelson** (1884-1952), écrivain yiddish, actif au Comité antifasciste juif (CAJ), co-rédacteur de la section littéraire du journal *Eynikayt* (Unité).

**דוד האָפֿשטיין (1952-1889)**, ייִדישער שרײַבער, אַן אַקטיווער טוער אינעם יאַ״ק.

**Dovid Hofshteyn** (1889-1952), écrivain yiddish, actif au CAJ.

**איליאַ וואַטענבערג (1952-1887)**, אַדוואָקאַט ; רעדאַקציע־מיטגליד און איבערזעצער פֿון איינקײַט ; איידער ער האָט זיך באַזעצט מיט זײַן פֿרוי אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אין 1933 האָט ער געוווינט עטלעכע יאָרן אין עסטרײַך און אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

**Ilya Vatenberg** (1887-1952), avocat ; rédacteur et traducteur pour le journal *Eynikayt*. Avant de s'établir avec son épouse en URSS en 1933, a longtemps séjourné en Autriche et aux États-Unis.

**חײַקע וואַטענבערג־אָסטראָווסקאַיאַ (1952-1901)**, איבערזעצערין פֿון ייִדיש און ענגליש אויף רוסיש פֿאַרן יאַ״ק. איליאַ וואַטענבערגס ווײַב.

**Khayke (Tshayka) Vatenberg-Ostrowskaya** (1901-1952), traductrice du yiddish et de l'anglais en russe pour le CAJ. Épouse d'Ilya Vatenberg.

**בנימין זוסקין (1952-1899)**, אַקטיאָר, דירעקטאָר פֿון מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער נאָכן טויט פֿון שלמה מיכאָעלס.

**Binyomin Zuskin** (1899-1952), acteur ; après la mort de Shloyme Mikhoels, directeur du GOSET (Théâtre yiddish d'État) de Moscou.

**לעאָן טאַלמי (1952-1893)**, זשורנאַליסט, איבערזעצער פֿון און אויף ייִדיש, צווישן אַנדערע פֿאַרן סאָוועטישן אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ ; אַמאָליקער מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

**Leon Talmy** (1893-1952), journaliste, traducteur du et en yiddish, entre autres pour le Bureau d'information soviétique. Aux États-Unis, membre du parti communiste.

**עמיליאַ טעומין (1952-1905)**, זשורנאַליסטין, מיטרעדאַקטאָרשע פֿונעם רוסישן דיפּלאָמאַטישן ווערטערבוך ; האָט געאַרבעט אינעם אינטערנאַציאַנאַלן אָפּטייל פֿונעם סאָוועטישן אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ.

**Emilia Teumin** (1905-1952), co-rédactrice du *Dictionnaire diplomatique* russe. A travaillé au département international du Bureau d'information soviétique.

**יוסף יוזעפֿאָוויטש (1952-1890)**, פֿאָרשער אינעם געשיכטע־אינסטיטוט אויף דער סאָוועטישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע און געווערקשאַפֿט־פֿאָרשטייער ; טעטיק אינעם סאָוועטישן אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ.

**Yoysef Yuzefovitsh** (1890-1952), chercheur à l'Institut d'histoire de l'Académie soviétique des sciences ; actif au mouvement syndical. A travaillé au Bureau d'information soviétique.

**שלמה לאָזאָווסקי (1952-1878)**, מיטגליד פֿונעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ; בשעת דער מלחמה פֿאָרשטייער פֿונעם סאָוועטישן אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ.

**Solomon Lozovski** (1878-1952), membre du Comité central du parti communiste ; pendant la guerre, représentant du Bureau d'information soviétique.

**פּרץ מאַרקיש (1952-1895)**, ייִדישער שרײַבער, פּרעזידיום־מיטגליד פֿונעם יאַ״ק, מיטרעדאַקטאָר פֿון איינקײַט.

**Perets Markish** (1895-1952), écrivain yiddish, membre du bureau du CAJ, co-rédacteur du journal *Eynikayt*.

**איציק פֿעפֿער (1952-1900)**, ייִדישער שרײַבער, סעקרעטאַר פֿונעם יאַ״ק.

**Itsik Fefer** (1900-1952), écrivain yiddish, secrétaire du CAJ.

**לייב קוויטקאָ (1952-?1890)**, ייִדישער שרײַבער, פּרעזידיום־מיטגליד פֿונעם יאַ״ק.

**Leyb Kvitko** (1890?-1952), écrivain yiddish, membre du bureau du CAJ.

**באָריס שימעליאָוויטש (1952-1892)**, דאָקטער, מעדיצינישער דירעקטאָר פֿונעם מאָסקווער באָטקין־שפּיטאָל.

**Boris Shimeliovich** (1892-1952), médecin, directeur de l'hôpital Botkin à Moscou.